**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 06/20/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול שטרייכט אונטער 82.7 מיליאן דאלער אין אינפראסטרוקטור אינוועסטירונגען אין טשאטאקווא קאונטי**

***78 מיליאן דאלער צו פארבעסערן די אינטערסטעיט 86 בריקן איבער טשאטאקווא לעיק וועט זיך אנהויבן***

***4.7 מיליאן דאלאר שאסיי פארבעסערונג פראיעקט אין די סיטי אוו דזשעימסטאון שליסט זיך***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אונטערגעשטראכן 82.7 אין אינפראסטרוקטור אינוועסטירונג פאר טשאטאקווא קאונטי, וועלכס אנטהאלט דאס אנהויבן א הויפט בריק רעהאביליטירונג פראיעקט און דער באדייטנדע פארענדיגונג פון א מולטי-מאדעל שאסיי פארבעסערונג פראיעקט. א 78 מיליאן דאלערדיגע פראיעקט הויבט זיך אן צו פארבעסערן די בריקן וואס פירן אינטערסטעיט 86 - וואס איז אויך באקאנט אלס די דרום שיכט עקספרעסוועי - איבער טשאטאקווא לעיק אין די טאונס אוו עלערי און נארט הארמאני אין טשאטאקווא קאונטי. אין צוגאב, איז א 4.7 מיליאן דאלער פראיעקט באדייטנד פארענדיגט, וואס פארבעסערט סטעיט רוט 430, וואשינגטאן סטריט, פון 2'נד סטריט צו פלוראוואנא עוועניו, און סטעיט רוט 394, פעירמאונט עוועניו, פון מקדאניעל עוועניו ביז פעירמאונט עוועניו/6'סטע סטריט אין די סיטי אוו דזשעימסטאון אין טשאטאקווא קאונטי.

"צו פארזיכערן אז אונזערע קאמיונטיס און אונזער עקאנאמיע אין אלע ראיאנען פון די סטעיט זעצן פאר צו וואקסן און בליען, טוט ניו יארק סטעיט מאכן אינוועסטירונגען צו שטארקן און באפעסטיגן אונזער אינפראסטרוקטור צו נאכקומען און איבערשטייגן די שווריקייטן פון די 21'סטע יאר הונדערט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "טשאטאקווא לעיק, מיט איר נאטורליכע שיינקייט און רייכקייט אין לאקאלע אטראקציעס, איז איינע פון די הויפט דעסטינאציעס פאר באזוכער צו מערב ניו יארק, און די סיטי אוו דזשעימסטאון ציט ווייטער נייע אייננוואוינער און באזוכער יעדעס יאר. די צוויי פראיעקטן אין טשאטאקווא קאונטי זענען די לעצטע ביישפילן פון אונזער געצילטע אינוועסטירונגען וואס וועלן פארבעסערן סיי ווידערשטאנדספעאיגקייט און דויערהאפטיגקייט אין מערב ניו יארק."

**אינטערסטעיט 86 בריקן**

די פיר בריקן סטרוקטורן וואס גייען איבער טשאטאקווא לעיק וועלן באקומען נייע שאסיי אויבערפלאכן און אנדערע פארבעסערונגען צו פארבעסערן זיכערהייט, גרינגע רייזע און פארמערן שטאנדהאפטיגקייט דורכאויס דעם וויכטיגן קארידאר וואס פארבינדט די דרום טייל ראיאן פון ניו יארק מיט די צפון-מערב פענסילווייניע. דער פראיעקט וועט פארלענגערן די סערוויס לעבן פון די בריקן, וואס זענען געבויט געווארן אין די פריע 1980 יארן, מיט אומגעפער 40 יאר. די בריקן געפינען זיך דורכאויס די מערב טייל פון אינטערסטעיט 86 וואס פאלגט נאך די קארידאר פון די אריגינעלע סטעיט רוט 17, וואס גייט פון פענסילווייניע צו דורכאויס די דרום טייל פון ניו יארק, דינענדיג הויפט סיטיס ווי דזשעימסטאון, סאלאמאנקע, אליען, קארנינג און עלמיירע.

אלס טייל פונעם פראיעקט, וועט דער 3,790 פוס לאנגע הויפט בריק וואס גייט איבער טשאטאקווא לעיק און צוויי, 500 פוס לאנגע בריק סטרוקטורן וואס צעטיילן זיך פונעם מזרח ענדע פון די הויפט בריק, און פירן די איסטבאונד און וועסטבאונד לעינס פון טראפיק באקומען נייע צעמענט בריק דעקס, בריק גרעניצן, בעירינגס און שטאלענע פאררעכטונגען. די דריי סטרוקטורן זענען אין סך הכל 24 ספענס. א פערטע בריק סטרוקטור וואס פירט וועסטבאונד I-86 רעמפס צו סטעיט רוט 430 וועט אויך באקומען נייע בריק דזשוינטס און וועט ווערן איבערגעמאכט דעם אויבערפלאך.

ארבעט אויף דעם פראיעקט וועט זיך ציען איבער פיר בוי ארבעט סעזאנען, מיט ערשטע ארבעט זיך פאקוסירן אויף דאס שאפן קראסאווער לעינס צו רוקן טראפיק דורכאויס שפעטערדיגע פראיעקט פאזעס. איין לעין פון טראפיק אין יעדע דירעקציע פון I-86 וועט ווערן אנגעהאלטן דורכאויס רוב פונעם פראיעקט, אבער, מאטאריסטן זאלן זיין גרייט פאר אביסל איבערנאכט שליסונגען פון די שאסיי אין 2024 און 2025 צו ערמעגליכן דאס גיסן נייע בריק דעקס.דורכאויס די צייט, וועט נאכט טראפיק ווערן אקאמאדירט נוצנדיג אף-סייט דיטאורס. דער פראיעקט איז ערווארטעט צו פארענדיגט ווערן ביז הערבסט פון 2026.

**דזשעימסטאון פראיעקט**
די דזשעימסטאון פראיעקט, וואס וועט זיין באדייטנד פארענדיגט ביז די ענדע פון יוני, האט איינגעפירט א ראוד דייעט דורכאויס וואשינגטאן סטריט וואס נעמט אריין איבערמאכן פיר-לעינס צו דריי-לעינס פון טראפיק אויף וואשינגטאן סטריט פון פלאוואנא עוועניו ביז מערב סעקאנד סטריט. דאס ערלויבט פארן אינסטאלירן א צוויי-וועג לינקע-דריי לעין. נייע בייק לעינס, אפגעטיילט דורך א באפער פון וויהיקל טראפיק, וועט גיין דורכאויס ביידע זייטן פון וואשינגטאן סטריט.

א ראוד דייעט נעמט געווענליך אריין טראנספארמירן א שאסיי דורך פארמינערן די לעינס אויף א שאסיי אין יעדן ריכטונג, מיט פארשידענע פארבעסערונגען וואס קענען אריינגעמען סיידוואלקס, בייק לעינס, באס לעינס אדער פארקינג לעינס. טראדיציאנאל זענען דאס ביליגע פראיעקטן וואס קענען זיין אזוי איינפאך ווי איבערפארבן די שטריכן אויפן שאסיי, פארמינערן ספיד און פארמערן מאביליטי און צוגענגליכקייט בשעת'ן פארמערן זיכערהייט פאר אלע באנוצערס.

סיי וואשינגטאן סטריט און פעירמאנט עוועניו האבן באקומען נייע אויבערפלאכן, אינאיינעם מיט אפלויף פארבעסערונגען.

אין צוגאב, וועלן עלף טראפיק שילדן דורכאויס וואשינגטאן סטריט און פלאוואנא עוועניו ווערן ערזעצט אדער געטוישט, און איין נייע טראפיק סיגנאל וועט ווערן אינסטאלירט ביי <u>וועסט 6'סטע סטריט</u> ביי וויטלי עוועניו.פוסגייער איינריכטונגען זענען פארבעסערט געווארן דורך אינסטאלירן נייע קורב רעמפס און קראסוואלקס, און נייע פוסגייער סיגנאלן מיט אראפציילן טיימערס וועלן אינסטאלירט ווערן.

**סטעיט אפטיילונג פון טראנספארטאציע קאָמיסיאָנערין מארי טעריסא דאמינגעז האט געזאגט**,
"גאווערנער קעטי האקול מאכט וויכטיגע אינוועסטירונגען אין ניו יארק'ס טראנספארטאציע אינפראסטרוקטור כדי צו בעסער שטיצן לאקאלע עקאנאמיעס. טשאטאקווא לעיק איז א דיאמאנט וואס יעדע ניו יארקער זאל האבן די הנאה פון זען, און דער פראיעקט וועט העלפן פארזיכערן אז באזוכער קענען גיין פון איין עק פונעם לעיק צום צווייטן צו הנאה האבן פון אלעס וואס דער נאטורליכער וואונדער האט צו געבן. און DOT'ס ארבעט צו פארבעסערן וואשינגטאן סטריט און פלאוואנא עוועניו וועט זיכער צוגעבן צו די ווייטערדיגע ווידעראויפלעבונג פון דזשעימסטאון און וועט צושטעלן בעסערע צוגענגליכקייט פאר פוסגייער, ביציקליסטן און מאטאריסטן אין די דאונטאון געגנט."

דזשעימסטאון איז געווען באטיטלט אלס רונדע 1 געווינער פון די דאונטאון ווידעראויפלעבונג אינציאטיוו פאר מערב ניו יארק אין 2016. א באנייטע געטריישאפט צו די סיטי און מערערע אנדערע פובליק און פריוואטע פארטנערס צו ווידעראויפלעבן דזשעימסטאון האט רעזולטירט אין הויפט אינוועסטירונגען דאונטאון, ארייגרעכענענדיג די נאציאנאלע קאמעדיע צענטער און מערערע הויפט געמישטע באנוץ געביידעס. די אינציאטיוו האבן צוגעגרייט די דאונטאון פאר אן אויסוואל פון נייע אינוועסטירונגען און די DRI האט אויסגענוצט די פאטענציאל צו א שאפן אן עכט אריינגעמענדע, ארום-דער-יאר דאונטאון סיי פאר יעצטיגע און פאר צוקונפטיגע איינוואוינער און באזוכער. מיט איבער 100 געביידעס וואס שטעלן צוזאם אן עיקר 30-בלאק געגנט, האט דאונטאון דזשעימסטאון די צווייט גרעסטע דעוועלאפמענט פוס אפדרוק פון סיי וועלכע דאונטאון אין מערב ניו יארק. אונטער די DRI, האט דזשעימסטאון פאקוסירט אויף גאסן אויסזע פארבעסערונגען, ווידער דעוועלאפמענט פון היסטארישע געביידעס, און ים ארויסקוק ווידער דעוועלאפמענט.

**ניו יארק סעקרעטערי אָוו סטעיט, ראבערט דזש. ראדריגעז, האט געזאגט,** "אפגרעיד'ן און פארבעסערן די טראנספארטאציע אינפראסטרוקטור איז אן אומערזעצבארע יסוד פאר א שטאנדהאפטיגע קאמיוניטי ווידעראויפלעבונג. די אינוועסטירונגען אין דאונטאון דזשעימסטאון וועט שאפן א מער שפאציר-בארע, מענטשן פריינטליכע גאסן אויסזען וואס געבט צו און שטארקט די עקזיסטירנדע דאונטאון ווידעראויפלעבונג אינציאטיוו אינוועסטירונגע אוןביישטייער צו די סיטי'ס שפראצנדע דאונטאון. מיר דאנקען די DOT פארן זיין אזא וויכטיגע פארטנער אין ניו יארק'ס דאונטאון ווידעראויפלעבונג רענאסענס."

**סטעיט סענאטאר דזשארדזש בארעלאָו האט געזאגט,** "די היינטיגע מעלדונג איז פריידיגע נייעס פאר טשאטאקווא קאונטי און גאנץ מערב ניו יארק. פארזיכערטע שאסייען און בריקן זענען גאר וויכטיג צו באשיצן די פובליק און שטיצן די קליינע ביזנעסער און פארמס וואס פירן אונזער עקאנאמיע. פון מיין צייט אלס קאַונטי לעגיסלאטאר ביז מיין סערוויס אין די סטעיט סענאט, איז איינע פון די אישוס וואס איך האב דאס שארפסטע ארויסגעטרעטן אויף איז דער געברויך צו הייבן ספענדינג צו פארבעסערן און מעינטעינ'ען אונזערע שאסייען, בריקן און הייוועיס. די אינוועסטירונג אין טשאטאקווא קאונטי'ס שאסייען און בריקן וועט שטארקן אונזער אינפראסטרוקטור און שטיצן די עקאנאמישע רענאסאנס וואס גייט שוין אן אין אונזער קאמיוניטי. יעדע געגענט, יעדע ראיאן איז בארעכטיגט צו אן אייניגע מעגליכקייט צו בליען און דאס איז וואס די געלטער וועלן טון. איך וויל באדאנקען גאווערנער האקול און DOT קאָמיסיאָנערין דאמינגעז פארן אנערקענען די נויט צו שטיצן די רייזנדע באפעלקערונג און קאמיוניטיס אין מערב ניו יארק."

**טשאטאקווא קאונטי עקזאקוטיוו PJווענדע האט געזאגט,** "די אינטערסטעיט 86 בריק איבער טשאטאקווא לעיק איז א וויכטיגע שאסיי פאר טשאטאקווא קאונטי און דער גאנצער ראיאן; סיי פאר די עקאנאמיע און פובליק זיכערהייט. די ניו יאָרק סטעיט דעפּאַרטמענט פון טראנספארטאציע'ס פראיעקט וועט העלפן אנהאלטן א פארזיכערטע שאסיי פאר לאנגע יארן."

**דזשעימסטאון מעיאר עדי סאנדקוויסט האט געזאגט,** "איך באגריס קאמישאנער דאמינגעז צו די דזשעימסטאון געגענט און דאנק די NYSDOT פאר זייער שווערע ארבעט אויף די וואשינגטאן סטריט און פעירמאונט עוועניו פראיעקטן. די פראיעקטן וועלן נישט בלויז פארבעסערן די קוואליטעט פון די שאסייען נאר אויך מאכן דזשעימסטאון מער פארזיכערט דורכן פארמינערן דעם צאל לעינס און מער מולטי-מאדעל מיט די צוגאבע פון בייק לעינס. איך קוק ארויס צו ווייטער מיטארבעטן מיט קאמישאנער דאמינגעז און די NYSDOT אינערהאלב דזשעימסטאון."

דרייווערס ווערן ערמוטיגט צו פארן שטייטער און צו דרייוון פאראנטווארטליכערהייט אין ארבעט'ס זאנעס. קנסות זענען געטאפלט פארן פארן שנעל אין אן ארבעט'ס זאנע. געפונען ווערן שולדיג פאר צוויי

אדער מער פארלעצונגען פון פארן שנעלער ווי ערלויבט אין אן ארבעט'ס זאנע קען ברענגען אז דעם מענטשן'ס דרייווער'ס לייסענס זאל ווערן סאָספּענדעד.

פאר די לעצטע אינפארמאציע איבער די געסער, רופט 511, באזוכט www.511NY.org אדער דאַונלאָודט די אומזיסטע NY511 טעלעפאן עפּ.

פאלאָוט ניו יארק סטעיט DOT אויף Twitter: @NYSDOT און @NYSDOTBuffalo. טרעפט די NYSDOT אויף Facebook ביי facebook.com/NYSDOT.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן